NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05101

DOS FOLK ZINGT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1.

דאָס
פאָלק
זינגט

זאמלונג פון אידישע פאלקס־לידער

ארויסגעגעבן פון
נאציאָנאלן קולטור
און שול קאָמיטעט
בײַ דעם פאראײניקטן
אידישן פאלקס אָרדן

צוזאמענגעשטעלט פון די חברים
ה. גוראלניק און פ. פאָרטאָליאק.

יולי 1946 טאראנטא

זאָל קלינגען אונדזער ליד!

אויף די חורבות פון רואינירטע אי־
דישע ישובים ווערט צוריק אויפגעבויט א
ניי און געזיכערט לעבן. עס לעבט־אויף
די אידישע קינדער־שול דער אידישער טע
אטער די אידישע ציי טונג. אידיש געזאנג
פילט׳ווידער אָן די לופט.

אין צרות געלייטערט אין טרערן גע־
וואשן אין בלוטיקן קאמף אויסגעשמידט
קלינגט אויפסניי דאָס אידיש פאלקס־לידל
און רופט און מונטערט און וועקט און
זאָגט־אָן: — א פאָלק וואס זינגט וועט
קיינמאָל נים אונטערגיין!

אָט צוליב דעם גיבן מיר ארויס דאָס
ביכל אידישע פאלקס־לידער. מיר ווילן
אז אין יעדער שטאָט און שטעטל אין
יעדן ווינקעלע פון קאנאדע וואו׳עס לעבן
אידן זאָל געזונגען ווערן דאָס אלט און
ניי פאלקס־לידל. זאָל עס שטארקן אונד־
זער חארץ, זאָל עס פעסטיקן יעדן טראָט

פאָראויס וואס עס מאכט אונדזער פאלק צו
א ליכטיק און פריי לעבן ווי א גלייכער
מיטגליד אין דער משפחה׳קולטורעל־דער־
הויבענע און גליקלעכע פעלקער.

נאציאָנאלער קולטור
און שול קאָמיטעט
ביי דעם פאראייניקטן
אידישן פאלקס אָרדן

O, CANADA


1. O Can-a-da! Our home and na-tive
2. O Can-a-da! Where pines and ma-ples
land! True pat-riot- love in all thy
grow, Great prair-ies spread and lord-ly
sons com-mand. With glow-ing hearts, We
riv-ers flow, How dear to us thy
see thee rise, The true North strong and
broad do-main, From East to West-ern
free; And stand on guard, O, Can-a-
Sea; Thou land of hope for all to
da, we stand on guard for thee.
toil; Thou True North strong and free.
O Can-a-da! Glorious and free! We
stand on guard, we stand on guard for thee,
O, Can-a-da! We stand on guard for thee

4.

אין קאמף


Moderato
Mir ve-rn ge-hast un ge-
tri - bn, mir ve-rn ge-plogt un far folgt, un
altz nor der-far, vajl mir li - bn dos
o- re- me shmach-ten-de folk. dos
o- re- me shmach-ten-de folk.

5.

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט
און אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק.

מיר ווערן דערשאָסן, געהאַנגען,
מע באַרויבט אונדז דאָס לעבן און רעכט,
דערפאַר, ווייל מיר עמעס פאַרלאַנגען
און פרייהייט פאַר אָרעמע קנעכט!

נאָר קיינמאָל וועט אונדז ניט דערשרעקן
געפענקעניש און טיראַניי,
מיר מוזן די מענטשהייט דערוועקן
און מאַכן זי גליקלעך און פריי.

שמידט אונדז אין אייזערנע קייטן,
זיי בלוטיקע חייעס אונדז רייסט,
איר וועט אונדזער קערפּער נאָר טייטן,
אָבער ניט אונדזער הייליקן גייסט!

איר קענט אונדז דערמאָרדן, טיראַנען!
נייע קעמפער וועט ברענגען די צייט–
און מיר קעמפן, מיר קעמפן ביז וואַנען
די גאַנצע וועלט וועט ווערן באַפרייט..

די צװאה

װערטער: דוד עדעלשטאט



אָ גוטע פרײנט, װען איך װעל שטארבן
טראָגט צו מײן 'קבר אונדזער פאָן
די פרײהײט פאָן מיט רויטע פארבן
באשפריצט מיט בלוט פון ארבעטמאן.

און װען איך הער די שװערדן קלינגען
אין לעצטן קאמף פון נויט און שמערץ
צום פאָלק װעל איך פון קבר זינגען
און װעל באגײסטערן זײן הארץ.

זיץ איך מיר אויפן בענקעלע

פאלקס־מאָטיוו



זיץ איך מיר אויפן בענקעלע
און פאַרפלעכט מיר מײַנע הערעלעך
גייט פאַרבײַ אױ א שנײַדער יונג
און זאָגט אז איך בין נישט ערלעך.

ער זאָגט אז ס'איז, טײַנט
און איך זאָג אז ס'איז פענעס
ער זאָגט אז ער האָט מיך ליב
און איך זאָג אז ס'איז נישט אמת.

זיץ איך מיר אויפן פענצטערל
און פאַרקעט מיר מײַנע הערעלעך
גייט פאַרבײַ אױ א שוסטער יונג
און זאָגט אז איך בין ניט ערלעך

ער זאָגט אז עס איז [illegible]
און איך זאָג אז ס'איז קוילן.
ער זאָגט אז ער וועט מיך נעמען
און איך זאָג ער וועט נישט פועל'ן.

א לייטערל צום הימל

פאלקס-ליד



א לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן
און איך וועל ארויפקריכן צו גאט
איינע צוויי ווערטער אוי וועל איך
ביי אים פרעגן:
פארוואס מיין ליבער דארף זיין א
סאלדאט אוי אוי

קיין לייטערל צום הימל וועסט נישט שטעלן
א סאלדאט כ׳וועל בלייבן סיי ווי סיי.
נאר ניעוזשעלי ביסטו אזא מיין מיידל
זאלסט אויף מיר נישט ווארטן א יאר
דריי, אוי, אוי

דריי יאר וועל איך אויף דיר ווארטן
אפילו צען יאר איז אויך כדאי
נאר דו אליין דו ווייסט דעם גאנצן אמת
ווי אזוי ס׳איז שווער צו נייען שניידערײ
אוי, אוי

9.

זאל איך זײן א רב



זאָל איך זײן א רב
קאָן איך נישט קײן תורה
זאָל איך זײן א סוחר
האָב איך נישט קײן סחורה.

און קײן חײ האב איך ניט
און קײן האבער האב איך ניט
און די װײב שעלט זיך
און א טרונק בראָנפן װילט זיך
זע איך מיר א שטײן
זיץ איך מיר און װײן.

זאָל איך זײן א שוחט
האב איך ניט קײן חלף
זאָל איך זײן א מלמד
קאָן איך ניט קײן אלעף

און די פערד גײען נישט
און די רעדער דרײען נישט
און די װײב שעלט זיך
און א טרונק בראנפן װילט זיך
זע איך מיר א שטײן
זיץ איך מיר און װײן.

בײ מײן מאמען



בײ מײן מאמען בין איך געװען
חשוב און טײער חשוב און טײער
אזױ װי בײ אן ארעמאן אן
אײנציקער דרײער.

אז אָך און װײ אוי װײ צו מײנע יאָרן
צו װאָס האב איך באדארפט פון דער
הײם אװעקצופארן.

איך זאָג דער באלעבאָסטע
גיט מיר עפּעס עסן גיטמיר עפּעס עסן
זי דרײט זיך זי דרײט זיך
זי מײנט איך װעל פארגעסן

אז אָך און װײ.....

די באלעבאָטטע גיט מיר עסן
זאָגט זי: עס און געדענק
און אין הארצן טראכט זי זיך:
עסן זאלסט א קרענק.

אז אָך און װײ.....

אײדער כ׳לײג מיך שלאָפן

א פאָלקס ליד



אײדער כ׳לײג מיך שלאָפן,
דארף איך שוין אױפשטײן
מיט מײנע קראנקע בײנער
צו דער ארבעט גײן.

צו גאָט װעל איך װײנען
מיט א גרױס געװײן:
צו װאָס איך בין געבױרן
א נײטאָרן זײן!

כ׳קום שפעט צו דער ארבעט
ס׳איז װײט דער װעג
שלאָגט מען מיר אָפ
פאר האלבע טעג.

צו גאָט װעל איך װײנען...

נאָדלען װערן צעבראָכן
פופצן א מינוט
די פינגער װערן צעשטאָכן
ס׳רינט פון זײ דאָס בלוט.

צו גאָט װעל איך װײנען...

פאָרן פאָרסטו פון מיר אַוועק

פון בערעגאָווסקיס זאַמלונג



פאָרן פאָרסטו פון מיר אַוועק
טײַער לעבן מײַנס
פיל טײַכן טרערן טוען פון מיר'גיסן
אוי העלף־זשע מיר שוין גאָטעניו
זאָלסט אַרויס פון קײסערס הענט
מיר זאָלן שוין קענען פון א
חתונה שמועסן.

וואָס־זשע האָסטו מיר אַזוינס
אָפּגעטאָן טײַער לעבן מײַנס,
וואָס מײַן האַרץ ציט אַזוי צו דיר
צו דיר?
איך האָב דיר גאָרנישט אָפּגעטאָן
טײַער לעבן מײַנס
איך האָב זיך פּשוט אײַנגעליבט אין דיר.

גײ איך מיר שפּאַצירן



גײ איך מיר שפּאַצירן —
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַן
גײ איך מיר שפּאַצירן —
טראַ־לאַ־לאלאַ־לאַ־לאַן
באַגעגנט מיך אַ בחור — אַהאַ, אַהאַן
באַגעגנט מיך אַ בחור — אַהאַ, אַהאַן

ער זאָגט ער װעט מיך נעמען —
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַן
ער זאָגט ער װעט מיך נעמען
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַן
ער לײגט עס אָפּ אױף זומער, אַהאַ, אַהאַן
ער לײגט עס אָפּ אױף צומער, אַהאַ, אַחאַן

דער זומער איז געקומען —
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַן
דער זומער איז געקומען —
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַן
ער האָט מיך ניט גענומען, אַהאַ, אַהאַן
ער האָט מיך ניט גענומען, אַהאַ, אַהאַן

15.

בין איך מיר א שנײדערל



בין איך מיר א שנײדערל
בין איך מיר א שנײדערל
לעב איך מיר טאָג אויס טאָג אײן
לוסטיק פרײלעך פײן.

זאָג מיר שנײדערל ליבינקער און גוטער
גיט דיר די נאָדל גענוג אויף ברויט
מיט פוטערן?
איך מאַך א װאָך צװײ גילדן מיט א דרײער
איך עס ברויט װײל פוטער איז צו טײער.

בין איך מיר א שוסטערל
בין איך מיר א שוסטערל
לעב איך מיר טאָג אויס טאָג אײן
לוסטיק, פרײלעך, פײן.

זאָג מיר שוסטערל האָסטו װאָס צו קײען?
פעלט דיר אויסעט קריגסטו װאו צו לײען?
קײנער לײט נישט קײנער גיט קײן ערבות
איך בין א שוסטער נײ איך טאַקע באָרװעס.

כ׳האָב דיר געזאָגט



כ׳האָב דיר געזאָגט און געזאָגט
און געזאָגט
און זאָג דיר נאָך אדהײנע
אז דו װעסט נעמען א שנײדער פאר
א מאַן
װעסטו האָבן צו קלאָגן און צו װײנען

װאָס פארמאָגט א שנײדער־יונגען
א נאָדל מיט א פינגערהוט.
און אזויװי דו גײסט פון דער
חופה אפּער
שרײט דאָס װײב: כ׳בין הונגעריקן.

דירע-געלט


Allegro
Di-re-gelt un oi, oi, oi, di-re-gelt un
bo-zhe moi di-re-gelt un gra-do-voi,
di-re-gelt muz men tzo-ln. Kumt a-rain dr
struzh nemt er a-rop dos hi-tl. un
az me tzolt kain di-re-gelt hengt er a-rois a
kvi-tl. Di-re-gelt un oi, oi, oi, di-re-gelt un
bo-zhe moi, di-re-gelt un gra-do-voi,
di-re gelt muz men tzo-ln.

דירע-געלט און אוי-אוי-אוי!
דירע-געלט און בײזשע מוי!
דירע-געלט און גראדטאװאי,
דירע-געלט מוז מען צאָלן!

קומט אַרײַן דער ספּרוזש
נעמט ער אַראָפּ דאָס היטל;
און אַז מען צאָלט קײן דירע-געלט,
הענגט ער אַרויס אַ קװיטל.
דירע-געלט א.א.וו.

קומט אַרײַן דער באַלעבאָס
מיט דעם גראָבן שטעקן,
און אַז מען גיט אים קײן דירע-געלט,
שטעלט ער אַרויס די בעטן.
דירע-געלט א.א.וו.

פאַרוואָס זאָל איך געבן דירע-געלט,
אַז די קיך איז צעבראָכן?
פאַרוואָס זאָל איך געבן דירע-געלט,
אַז איך האָב נישט אַף וואָס צו קאָכן?

דירע-געלט א.א.וו.

בײט זשע מיר אויס א פינפונצװאנציקער

פון סאָװעטישן בוך אידישע פאלקס-לידער



בײט-זשע מיר אויס א פינפונצװאנציקער
אויף סאמעראָדנע דרײער
און שפּילט-זשע מיר קלעזמאָרימלעך
א לידעלע א טײערן
רימטשי רימטשי רימטשי,
רימטשי רימטשי רים

בײט-זשע מיר אויס א פינפונצװאנציקער
אויף סאמעראָדנע פירער
און שפּילט-זשע מיר קלעזמאָרימלעך
דאָס זעלביקע װאָס פריערן
רימטשי, רימטשי א.א.װ.

בײט-זשע מיר אויס א פינפונצװאנציקער
אויף סאמעראָדנע צענער
און שפּילט-זשע מיר קלעזמאָרימלעך
דאָס זעלביקע נאָך שענערן
רימטשי, רימטשי א.א.װ.

לאָמיר זיך איבערבעטן



לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
האָב אויף מיר רחמנות
לאָמיר זיך איבערבעטן,
כ'האָב דיך ליב סכנות.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
װאָס שטײסטו פאר דער טיר?
לאָמיר זיך איבערבעטן,
קום ארײן צו מיר.

לאָמיר זיך שוין איבערבעטן, איבערבעטן
אָט דאָ בײ דעם פענסטער
לאָמיר זיך שוין איבערבעטן,
דו ביסט בײ מיר דער שענסטער.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
לאָז די מאמע װיסן,
לאָמיר זיך איבערבעטן,
לאָמיר זיך צעקושן.

אז מען פארט קיין סעוואסטאפאל



אַז מען פאָרט קײן סעװאַסטאָפּאָל
איז נישט װײט פון סימפעראָפּאָל,
דאָרטן איז אַ סטאַנציע פאַראַן.
װער דאַרף זוכן נײע גליקן?
ס'איז אַ סטאַנציע און אַ נפיקל,
אין דזשאַנקױע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.

הײ, דזשאַן, הײ, דזשאַנקױע,
הײ, דזשאַנהײלי, הײ דזשאַנקױע,
הײ, דזשאַנקױע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.

ענטפערט אידן אױף מײן קשיא
װאו זײַן ברידער, װאו ז'אַבראַשע? —
ס'גײט בײַ אים דער טראַקטאָר װי אַ באַן.
די מומע לאה בײַ דער קאָסילקע,
בײלע בײַ דער מאָלאָטילקע
אין דזשאַנקױע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.

הײ, דזשאַן, הײ, דזשאַנקױע .....

װער זאָגט אַז אידן קאָנען נאָר האַנדלען,
עסן פעטע יױך מיט מאַנדלען,
נאָר ניט זײַן קײן אַרבעטס־מאַן?
דאָס קאָנען זאָגן נאָר די שונאים —
אידן שפײַט זײ אָן אין פּנים,
קוקט אַ קוק אױף דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.

הײ, דזשאַן, הײ, דזשאַנקױע.......

איך גיי ארויס אויפן גאניקל.



איך גיי ארויס אויפן גאניקל
דאָס שטעטעלע באַקוקן,
קומט צופליען א קליין פייגעלע
און טוט זיך צו מיר בוקן.

נישט אַזוי דאָס קליינע פייגעלע,
ווי דאָס שיינע פליען,
עס וואַרפט אַראָפּ מיר א קליין בריוועלע
טו איך פאַר דעם קניען.

איך לייען איבער דאָס ערשטע שורהלע
דער געליבטער איז פאַרדאָרבן,
איך לייען איבער דאָס צווייטע שורהלע
דער געליבטער איז געשטאָרבן!
קלייבט צונויף אלע מיינע חברטעס,
אַלעמען אינאיינעם,
וועמ ס האָט נאָר א ליבע געשפּילט,
זאָל מיר העלפן וויינען!

אויפן אויוון זיצט א מיידל

Allegretto



אויפן אויװן זיצט א מײדל,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.
און זי העפט א װײסע קלײדל,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.

איז א בחור אנגעפלויגן,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.
נ'האט דעם פאדים אפגעצויגן,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.

— אײ, דו בחור, אײ, דו פײער,
טומבא, טומבא, טומבא־בא
ס'װעט דיך קאסטן זײער טײער,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.

כ'װעל ניט פרעגן דיך פונװאנען
טומבא, טומבא, טומבא־בא.
כ'װעל ניט אפלאזן פונדאנען,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.

ניט מיט שטריק װעל איך דיך פענטען,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.
נאר מיט מײנע װײסע הענטלעך,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.

כ'װעל דיך האלדזן, כ'װעל דיך ליבן,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.
איז דער בחור דארט פארבליבן,
טומבא, טומבא, טומבא־בא.

מחותנ׳עסטע מײנע



פאָרן אידן

נ. גדאלין

מוזיק: ס. פאלאנסקי



פאָרן אידן אין א בלאָטע,
נעצן זײ אײן די קאפאָטע,
אָבער זינגען, זינגען זײ,
— שוין געשניטן קאָרן הײ.

פאָרן אידן אין א רעגן,
ס'קריפּן מיט די שװערע װעגן,
אָבער זינגען, זינגען זײ:
— זײן װעט תבואה אָט אזוי.

מחותנ'עסטע מײַנע מחותנ'עסטע געטרײַע
אוי, לאָמיר זײַן אויף אײביק מחותנים
איך ג'יב איך אװעק מײַן טאָכטער
פאר א שנור
זי זאָל בײַ איך נים אָנװערן דאָס פּנים.

מחותנ'עסטע מײַנע מחותנ'עסטע געטרײַע
מײַן קינד זאָלט איר פרײַ נים װעקן.
און טאָמער װעט איר זען אז עװלה
אויף מײַן קינד
װי אן אײַגענע מאמע זאָלט איר דאָס
פארדעקן.

מחותנ'עסטע מײַנע מחותנ'עסטע געטרײַע
אויף קינדער האבן מוז מען בלויז
פארגינען.

און טאָמער װעט איר זען אז דער זון
האָט ליב די שנור
זאָל עס איך גאָרנים נים פארדריסן.

מחותנ'עסטע מײַנע מחותנ'עסטע געטרײַע,
איך פאָר צו איך מים א פאריקל.
טאָמער װעט איר זײַן א שלאק, א בײַזע
שװיגער
נעמ איך אויף א שנורל אן אנטיקל.

קעגן גאָלד פֿון זון

Moderato



קעגן גאָלד פֿון זון גייט אויף
מײן גאָלד פֿון װײצן,
קעגן גאָלד פֿון זון גייט אויף
מײן גאָלדן גליק,
נײע האָריזאָנטן רופֿן מיך און רײצן,
נײע לידער זינג איך, אידישער מוזשיק.

גייט די ארבעט פֿרײלעך פֿון
גאנץ פֿרי ביז אָװנט,
זון איז מײן הודאָק, און
פֿעלד איז מײן פֿאבריק,
נעכטן שכנים װײטע־
הײנט שוין אזוי נאָענט
אוקראאינער פּויער, אידישער מוזשיק.

סטעפּן קאַוואַלעריע

טעקסט: װ. גוסיעװ

אידיש: א. װערגעליס — מוזיק: קניפּער



פעלדער, אײ פעלדער
פעלדער׳עך איר גרינע פעלדער
ײפן, אוי איבער פעלדער העלדן
ע, די דרײסטע העלדן, רויטארמײער.

עך מײדעלעך װײנען
ס׳איז זײ הײנט אביסל סומנע
ס׳איז אויף לאנג אװעק דער ליבער
עך, דער ליבער אין ארמײ אװעק איז.

גאָר װי מיר פאָרן
זעען מיר א גרויסע כמארע,
איבערן װאלד דער האס פון ׳שונא
עך, דער האס פון שונא װי א כמארע.

עך מײדעלעך קוקט נאר
מײלעלעך װײסט אפ די טרערן
זאָלן גאָר שטארקער הילכן לידער,
אונדזערע קעמפערישע לידער.

א גוט מאָרגן דיר הערש-דוד

א פֿאָלקס ליד געזאמלט פֿון בען יאמען



א גוט מאָרגן דיר הערש דוד,
א גוט מאָרגן ברוך.
כ'האָב בעהערט דו האָסט מיט מזל
אויספארקויפט דעם צמאראך.

נײט דעם צמאָראך נאָר דאָס מילכיקס
אויספארקויפט אינגאנצן
ביי דאָס געלט איז דאָ אין בײטל
װילט זיך טאקע טאנצן.
איידן דידל די היידי היידי

יאָ, הערש דוד, האָט מאכט דײן װײבל,
כ'מײן דײן שדכ[illegible]?
און מײן שדכ[illegible], זי [illegible] זיך
לויט די מאָדעס נײע

אויסגעטאָן דאָס אלטע שײטל
נארישקײטן אינגאנצן
אבי דאָס לעבן איז געזיכערט
װילט זיך טאקע טאנצן.
איידי דידל די היידי היידי.

איך האָב א מזיד א כשר'ע טאָכטער,
רק א זון אפרים.
טאָ לאָמיר בײדע שרײבן תנאים.
טרינקען א לחיים.

כא, כא, כא צװײ מאָל זילבער
גיב איך זיי אינגאנצן
איבער פעלדער, איבער װעלדער
װעלן איידן טאנצן. איידי דידל די.

שמחה מיט זיין אידענע

פון יאסל קאפלער



שמחה האט געארבעט
בא שלעסער פארשיידענע,
איז געווען א סך ארבעט:
האט אים געהאלפן זיין אידענע.
דיידא , די דיידא..

האט זיך אויסגעלאזט די ארבעט,
נישטא מער קיין שלעסער-
האט ער באקומען א פלאץ
צו קאפטשען פעסער.

פעטער און פעטלעך
אלע פארשיידענע,
איז געווען א סך פעטלעך:
האט אים געהאָלפן זיין אידענע.

האט זיך אויסגעלאָזט די ארבעט,
נישטאָ מער קיין פעטער—
האט ער אויסגעזוכט א שטעלע
און געוואָרן א פרעסער.

האט ער געפרעסט און געביגלט
קליידער פארשיידענע,
איז געווען א סך ארבעט:
האט אים געביגלט די אידענע.

האט זיך אויסגעלאָזט די ארבעט
נישטאָ וואָס צו פרעסן—
איז ער געזעסן ליידיק,
נישט געהאט וואָס צו עסן.

האט ער געהונגערט געקרעכצט
מיט זיפצן פארשיידענע,
איז געווען א סך קרעכצן,
האט אים געהאָלפן די אידענע.

אף די פעלדער



אף די פעלדער, וואו ס'וויען ווינטן,
אף די פעלדער, וואו ס'וויען ווינטן,
אף די פעלדער, וואו ס'וויען ווינטן,
די קאָלווירטניצעס סנאָפּעס בינדן.

שווערע סנאָפּעס פול מיט זאנגען,
שווערע סנאָפּעס פול מיט זאנגען,
שווערע סנאָפּעס פול מיט זאנגען,
פול מיט מונטערע געזאנגען.

און די זון זי ברענט ווי פייער,
און די זון זי ברענט מיט פייער,
און די זון זי ברענט מיט פייער,
יעדע שעה איז פאר אונדז טייער.

ס'האָט דאָס פעלד אונדז ברויט געגעבן,
ס'האָט דאָס פעלד אונדז ברויט געגעבן,
ס'האָט דאָס פעלד אונדז ברויט געגעבן,
פאר דעם נייעם שיינעם לעבן.

אין דער קוזניע



אין דער קוזניע ביי דעם פייער
שטייט א שמידער און ער שמידט,
ער קלאפט דאָס אייזן, פונקען פייער פליען
און ער זינגט דערביי א ליד.

פון דער פרייהייט, וואָס וועט קומען,
זינגט ער מוטיק, זינגט ער הייס,
און פילט ניט ווי אזוי עס רינען,
פון זיין פנים טייכן שווייס.

און די ערד באצירט מיט בלומען
זינגט ער ווייטער, זינגט זיין ליד,
אפגעקילט איז שוין דאָס אייזן
און ער קלאפט און ווערט ניט מיד.

שלאָף מײַן זון


Moderato
shlof, main zun, main ta-yer fei-ge-le,
mach di ei-ge-lech tzu, vest noch tzait ho-
Fine.
bn tzu-shti-fn itz-ter shlof in dain ru.
ich vel dir koi-fn shei-ne bik-se-lech,
mit a roi-tin-ker fon, du vest vak-sn
D.C. al Fine
a- ge-ro-te-ner shlof, main li-ber- zun.

שלאָף מײַן זון מײַן טײַער פֿײגעלע,
מאַך די אײגעלעך צו,
װעסט נאָך צײַט האָבן צו שטײפֿן,
איצטער שלאָף אין דײַן רו.

שלאָף מײַן זון מײַן טײַער פֿײגעלע,
שלאָף־זשע, שלאָף־זשע אײַן,
װעסט אױסװאַקסן אַ גרױסער, אַ שײנינקער,
און אַ פֿלײַער זײַן.

װעסט פֿליִען אין דער װײַטן אַהין,
מיט דער זון באַגלײַך,
און איך װעט זיך בײדע גליקלעכע
שפּיגלען אינעם טײַך.

שלאָף מײַן זון, מײַן טײַער פֿײגעלע,
מאַך די אײגעלעך צו,
װעסט נאָך צײַט האָבן צו שטײפֿן,
איצטער שלאָף אין דײַן רו.

געליבטע שטאט מײן

טעקסט לױטן רוסישן: מ. העלפמאן
מוזיק: ז. באגאסלאװסקי



דער יונגער פליער,פלים אין דער
שטילער נאכט אוועק,—
דער מילדער ווינט — ער ברענגט
א גרוס צוריק.
געליבטע שטאט מיין,אלץ וואס טייער
איז,היט מיר,—
מיין שטיבל ריין,מיין גארטן שיין,
מיין פריינטס א בליק.

אנטקעגן שונא שלאגט זיך ביז בלוט
דער פליער
און זינגט א ליד דורך קאמף פון
שטאל און בליי.
געליבטע שטאט מיין,קעמפן וועל איך
אן אויפהער
ביז ווידער גרינט דאס פעלד.וועט
בליען און די ביסט פריי!

און קומט צופליען זיגרייך פון שלאכט
דער פליער,
די מילדע ווינטן ברענגען אים צוריק.
געליבטע שטאט מיין,פריידיק זע איך
דיך.ווידער
מיין שטיבל ריין מיין גארטן שיין מיין
פריינטס א בליק.

פאר דעם ליבן חבר



ס'האט געלעבט מיט אונדז א חבר,
אײ—אײ—אײ—אײ
ס'איז געװען א יאט א בראװער,
אײ—אײ—אײ—אײ
ס'איז געװען א יאט א בראװער
אײ—אײ—אײ—אײ

פון דער שטאָט אראָפּגעקומען,
איי—איי—איי—איי—
האָט ער אונדז צעגויפגענומען,
איי—איי—איי—איי—

געגעג שוין קומען אויף די שטערן,
איי—איי—איי—איי—
א קאָלאָניע זאָל דאָ ווערן,
איי—איי—איי—איי—

לאָמיר טרינקען א לחיים,
פאר דעם לעבן פאר דעם נייעם,

פאר די פעלדער פאר די זאטע,
פאר דער נייער הויבער כאטע,

לאָמיר טרינקען א לחיים,
פאר די קינדער פאר די טרייע,

פאר די קינדער פאר די זקנים,
און פאר אלעמען אינאיינעם,

זאָל דער ערשטער כוס זיך גיסן,
פאר דעם לעבן פאר דעם זיסן,
איי—איי—איי—

דאָס מאָרגן-ליכט

אידיש: ל. מילער מוזיק: שאָסטאַקאָוויטש



עס װאַרט דער פרימאָרגן דער קילער,
דאָס װאַרעמע זון ליכט אונדז רופט־
עס שפילען און זינגער טירענע?
און װעקן צו אַרבעט אונדז אויף.

װאָס ליגסטו, קוטשעראַװע, ברויגעז, שטום,
װאָס פעלט דיר זאָג,
עס גייט דאָס בראַװע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

װי יאַם בװאַליעס מעכטיק און רוישיק,
עס שלאָגט דאָ מיט אויפבוי און פרייד,
װי שטאָל זיינען קערפערס און בויגיק
צום לויף פון געװעטן שוין גרייט.

דו דרייסט זיך, קוטשעראַװע, ברויגעז, אום,
װאָס פעלט דיר זאָג,
עס גייט דאָס בראַװע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

װי פריילעך עס שפאַנען בריגאַדעס,
װאָס קען אַט די יוגנט ניט טאָן?
קום שטעל זיך אין ריי, קוטשעראַװע,
און האָסטו פאַרשפעטיקט יאָג אָן!

נו, ריר זיך, קוטשעראַװע מיידל, קום!
דיין ריי דעריאָג!
עס גייט דאָס בראַװע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

בירא-בידזשאן

פון סעם ליפצין



אהא, אהא, סאָוועטנמאכט האָט לאנד געגעבן,
בױט דער איד א נײעם לעבן.

בירא-בירא-בירא-בירא,
בירא-בירא, בירא-בידזשאן.

ער שפּיצט זיך ניט אויף וואנדער שטעקן-
ער זעט די מאכט פאר אלץ זאָל דעקן.
צוזינג

לאכט דער איד פון מעקלער, פאקטאָר,
זיצט בײם רעדל, טרײבט א טראקטאָר.
צוזינג

שנײדט ער ברעטער, שנײדט ער זאנגען,
זינגט די יונגט זיג-געזאנגען. צוזינג

אײגן מילך און אײגן קאָרן,
פילט דער איד װי נײ געבאָרן.-צוזינג

בליען װעגן, װאקסן גאסן,
אויסגעװאָרצלט האָט פון ראָסן.-צוזינג

מנחם-מענדלס טאנצן כװאטסקע
מיט קאָזאקן- א קאָזאצקע. - צוזינג

וואכט־אויף

פון דוד עדעלשטאט



ווי לאנג, אָ ווי לאנג וועט איר בלייבן
נאָך שקלאַפן
און טראָגן די שענדלעכע קייטן
ווי לאנג וועט איר גלענצנדע רייכטיי-
מער שאפן
פאר דעם וואס בארויבט אייער ברויטן

ווי לאנג וועט איר האלטן די רוקנס
געבויגן,
דערנידעריקט היימלאָז פארשמאכטן
עס טאָגט שוין, וואכט־אויף און
דערעפנט די אויגן
דערפילט אייער אייזערנע מאכטן

קייטן און טראָנען אַ אלעס מוז פאלן
אונטער דעם ארבעטערס שווערד,
מיט דומפּיקע בלוטען, מיט גאָלדענע
שטראלן,
וועט פרייהייט באצירן די ערד.

דער פישער

ווערטער: עליזה גרינבלאם



פאָרט א פישער אויפן ים
ער פאָרט ארום באגינען
ס'ווילט דער פישער מן־הסתם
פישעלעך געפינען.

טרא־לא־לא־לא־לא־לא, } 2 מאל
פישעלעך געפינען

גיי איך מיר ביים ברעג ארום
און טו מיין חלום שפינען
אפשר וועל איך ערגעץ־וואו
מיין געליבטן דא געפינען.

טרא־לא־לא־לא־לא־לאלא } 2 מאל
מיין געליבטן דא געפינען

מורמלען כוואליעס טרויעריק
דער ים איז א באטריבטער
צי אפשר איז גאר ווי איך —
אויבעט א פארליבטער.

טרא־לא־לא...אויבעט א פארליבטער (2 מאל)

קומט דער פישער טרויעריק
ער האט קיין פיש געפאנגען
ווער איך מרה־שחורה דיק —
א חלום איז פארגאנגען.

טרא־לא־...א חלום איז פארגאנגען(2 מאל)

פארמוטשעט אין פינסטערער תפיתה

פון רוסיש
אידיש: א.קאהנער



פארמוטשעט אין פינסטערער תפיתה
אין קאמף פאר דער ארבעטער מאכט
באגעגנט דעם טויט. האסטו העלדיש
ביסט ערלעך געפאלן אין שלאכט.

ניין, שנאה האט בלויז אונדז געווארגן
געטריבן אין שלאכט האט אונדז מוט.
ביים קבר מיר האבן געשוואוירן
באצאלן דעם פיינט פאר דיין בלוט.

פאר אונדז איז נאר איין וועג דא —
דיינער,
ווי דו. זיין אין תפיתה פארשמאכט,
א לעבן אלץ שטורעמען אלץ קעמפן,
און פאלן ווי דו פאר דער זאך.

א באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס

ווערטער: איציק פעפער מוזיק: ס. פאָלאָנסקי



טוט א קוק אפן שטיבל
וואָס שטייט דאָרט ניט ווייט,
ווער האָט עס געבויט , ווער האָט עס?
ווער האָט עס מיט ליים און
מיט ציגל באנייט?–
א באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס.

טוט א קוק אפן פערדל,
וואָס טאנצט דאָרט אליין,
ווער האָט עס געפאשעט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס געמאכט אזוי יונג, אזוי ריין?
א באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס.

טוט א קוק אפן ברויט,
וואָס איז היימיש און פריש,
ווער האָט עס פארזייט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס פון פעלדער געבראכט אפן טיש?
א באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס.

52.

א גאנצע וואך



א גאַנצע װאָך, א גאַנצע װאָך
זיץ איך אָף מײַן קאָלקע,
דעם אײנעם טאָג שבת
פּאַרקעם איך זיך מײַן פּאָלקע.

כ'פּאַרקעם זיך מיר מײַן פּאָלקע
און לײג מיר אױס די האָר,
און גיב א קוק אין שפּיגעלע-
ניטאָ צו מיר קײן פּאָר.

איך גײ אַרױס אין דרױסן,
און גײ אַרײַן אין שטוב-
מײַן מאַמע טוט מיך שעלטן:
זאָלסט האָבן אזױנע װעלטן.

אײ, צאָרעס, מאַמע, צאָרעס,
סע מאַכט בא מיר ניט אױס,
אבי מען זאָגט מיר: מאַניטשקע,
נאָ ניע פּעספּאָקױם.

א קרעניצע

װערטער: איציק פעפער מוזיק: ס. פאלאנסקי



דאָרט װאו. גראָזן זײנען נאסער,
שטײט א קרעניצע פארטראכט.
קומען מײדלעך ציִען װאסער
מיט די עמער אלע נאכט. (2)

אונטער זון װי װײסע בערן
װאקסן טעג אין גרױסן סאָד.
און אין װאסער שײן פון שטערן
טאנצן יאטן אין א ראָד. (2)

פון די סטעפעס װינטלעך בלאָזן
און א פײערל דערברענט,
גײען מײדלעך אױף די גראָזן
מיט די עמער אין די הענט. (2)

װערט לבנה בלאס און בלאסער
ערגעץ פױקט מען אין דער נאכט,
דאָרט װי גראָזן זײנען נאסער
שטײט א קרעניצע פארטראכט. (2)

באלאלייקע



שטייט א בחור און ער טראכט
טראכט און טראכט א גאנצע נאכט;
וועמען צו נעמען און ניט פארשעמען
וועמען צו נעמען און ניט פארשעמען.

טום בא-לא-, טום בא-לא- טום באלאלייקע
טום בא-לא, טום בא-לא, שפיל באלאלייקע

מיידל, מיידל, כ'וועל בא דיר פרעגן:
וואס קען וואקסן, וואקסן אן רעגן?
וואס קען ברענען און ניט אויפהערן?
וואס קען בענקען, וויינען אן טרערן?

טום בא-לא-

נארישער בחור, וואס דארפסטו פרעגן,
א שטיין קען וואקסן, וואקסן אן רעגן.
ליבע קען ברענען און ניט אויפהערן,
א הארץ קען בענקען, וויינען אן טרערן.

טום בא-לא-

56.

יאָגן זיך צוויי טייכן

ווערטער: בצלאל פרידמאן



יאָגן זיך צווײ טײכן
בירא און בידזשאַן
צווישן בײדע טײכן
א פרײלעך ליד פאַראַן

האָלץ באַזאָרגן װעלדער
טײכן גיבן פיש
פעלדער ברויט דערלאַנגען
צו דעם נײעם טיש

זון אויף פרישע פעלדער
שטראַל אויף נײעם דאַך
ס'האָבן אזוי אידן [illegible]
קײנמאָל נישט געלאַכט

װערן זיך די בײמער צו
הערט זיך צו די ערד
מיר האָבן דעם געלעכטער
קײנמאָל ניט געהערט...

דורך געדיכטע װעלדער
יאָגט מיט פרײד א באַן
נײע אידן קומען
אין לאַנד בירא־בידזשאַן.

זאָל געגריסט אויף ערד זײן
יעדער נײער שפּאַן
עס זינגט די פרײע אַרבעט
אין לאַנד בירא־בידזשאַן.

האָפּ־טשיק־טשאַק



בין איך מיר א חסידל, א פריילעכע
בריאה
בין איך מיר א חסידל, אָן א שום
פניה
בין איך מיר א חסידל א חסידאק
טאנץ איך מיר א פריילעכן
האָפּ־טשיק־טשאק.

שרה מיין װייב זי זאָגט צו מיר:
ניטא אויף שבת א קלאָג צו דיר
גיי איך און פאַרזעץ מיין אלטן
קאפטינאק
טאנץ איך מיר א פריילעכן
האָפּ־טשיק־טשאק.

הערינג מיט ברויט איז ביי מיר
א מאכל
אבי איך שטופּ זיך אָן דאָס בייכל
און קארטאָפליעס פאר א פּיטאק —
טאנץ איך מיר א פריילעכן
האָפּ־טשיק־טשאק

פסח צום סדר איז גאָר פריילעך
די װייב איז מיר א מלכה און
איך בין דער מלך
לייג איך זיך אנעק אויפן בולבע
זאק
און איך מאך מיר האָפּ־טשיק־טשאק.

א ליבע אין מײן גארטן

מוזיק: אלבערט בײטער
ווערטער: ח.נ.ביאליק



אין מיין גאָרטן האָט א ברונעם
מיט אן עמער זיך געפונען,
אלע שבת קומט דעריבער,
טרינקען וואסער דאָרט מיין ליבער.

ווי מיין הארץ, דער עמער וואכט,
טריפט זיין גאָלד אין ברונעם זאכט;
טריפט א פערל, טריפט א צווייטער—
אָט—אָ גייט ער, אָט—אָ גייט ער.

אין מיין גאָרטן האָט א ברונעם..

שא, מיר דוכט עס קלינגען טריט...
איז דאָס ער? און אפשר ניט?
גיכער, גיכער! קום מיין שיינער!
כ'בין אליין און ווייטער קיינער...

זאָג פון וואנען קומט דער שמארץ
ווי א וואָרים נאָגט דאָס הארץ?—
ס'האָט געהערט מיין מאמע ריידן,
אז דו ווילסט מיט מיר זיך שיידן.

זאָגט מיין ליבער: גיי שוין, גיי,
שונאים זאָגן דאָס אזוי;—
נאָך א יאָר אז גאָט וועט וועלן,
וועלן מיר א חופה שטעלן...

אין מיין גאָרטן האָט א ברונעם..

שפינגע דעגינגע

מוזיק: אלבערט ביטער

ווערטער: י. ראָזענבערג



שפינגע דעגינגע, שפינגע דעגינגע.
אָט אזא לידל - ס'מיין טאטע געזונגען
אוי-אוי-אוי-אוי.

שפינגע, דעגינגע, שפינגע, דעגינגע.
אָט דעם ניגון קען מען פריילעך
און אויך אומעטיק זינגען.
שפינגע, דעגינגע, שפינגע, דעגינגע,
אָט אזא לידל - ס'מיין טאטע געזונגען
אוי, אוי, אוי, אוי,

איז אין שטוב ניטאָ קיין ברויט- אוי-
בעסטראשעט האָט די נויט. - אוי,אוי,
ניטאָ אָף דירע געלט- דירע געלט
האָט א קלייד, א שוך געפעלט- שוך געפעלט.
אוי,אוי,אוי,
שפינגע, דעגינגע...

איז א קינד געוועזן שלאָף- אוי,אוי,אוי,
האָט אויסגעפעלט אין לעמפל נאַפט-אוי,אוי,
ט'א-פארדינסטל זיך געמאכט-יאָ געמאכט
קיין גראָשן ניט געבראכט- ניט געבראכט.

אוי,אוי,אוי,אוי,
שפינגע, דעגינגע....

דער טאטע איז ניטאָ מער- אוי,אוי,אוי,
זינג איך פונקט ווי ער- אוי,אוי,אוי,
קיין געלט מיר ניט געלאָזט- ניט געלאָזט
נאָר אָט דעם ניגון פראָסט.- אוי ווי פראָסט,

אוי,אוי,אוי,אוי,
שפינגע, דעגינגע.....

טיף אין װעלדעלע



טיף אין װעלדעלע שטײט א בײמעלע
און די צװײגעלעך בליִען (2)
און בײ מיר ארעם שנײדערל
טוט מײן הערצעלע ציִען

אויפן בײמעלע װאקסט א צװײגעלע
און די בלעטעלעך צװיטען (2)
און מען ארעם שװאך הערצעלע
ציט צו מײן זיסער איטען

אויפן צװײגעלע שטײט א פײגעלע
און דאָס פײגעלע פיטשטשעט (2)
און בײ מיר ארעם שנײדערל
מײן האַרץ פאר ליבע טרעטשטשעט